— מײַן האר !

— גיי, גייער !

און איך בין אוועקגעגאן. און אז דער זומער איז פארגאנגען, אז נאָך יענעם זומער איז דער הארבסט אָנגעקומען, און אז דער הימל האָט זיך מיט וואָלקנס און מיט מאָרעשכוירע פארנומען, און דער הימל האָט געגאָסן, אף ערד און אף ווינטער, אף פעל־דער און אף וועגן, און אלעם הארבסטיקן אנטקעגן, —

האָב איך שוין גאָרנישט געזאָגט, האָב איך שוין צו מײַן האר נישט גערופן, און נישט געוואָלט און נישט דערווידערט, נאָר שטיל און הארבסטיק, אין די פארנאכטן און פארטאָגן אף שטענ־דיק מײַן גוירל אין מײַן טאָרבע געטראָגן.

2 demons in a cave
the older goaded into telling the younger a story

cf. Bechtel 162–68.



א״גנס 1 (1918): 41 - 64

# שיידים

— שעד, ביסט שוין אלט.

— יאָ, שעדעלע, עמעס.

דאָס זײַנען צוויי שיידים ערגעץ אין א באנאכט אין א ווילדן וואלד און אין א פינצטערער הייל געלעגן, אין וואלד איז א רעגן און א כוישעך געווען, זײַנען זיי זיך צוגעטוליעט און איינס נעבן אנדערן געלעגן, דער ייִנגערער האָט באם עלטערן די הענט אין דער פעל געהאלטן, פאמעלעך און גרינג איבער די האָר אים געגלעט, געגלעט און געשארעוועט צווישן, און לעסאָף צו דער הוילער און טרוקענער הויט זיך דערקליבן, זי אָנגעטאפט און אים די בסורע אָנגעזאָגט: —

— ביסט דאָך שוין אלט, שעד.

— יאָ, שעדעלע, עמעס.

— וואָס־זשע וועט זײַן ?

— וועט מען מיר די הויט אָפשינדן און פון איר א פײַקל מאכן.

— און ביז דער הויט ?

— וועט מען מיך אין א ווינקל פארוקן, צו א מעכאשייפע, צי צו א מעכאשעף, און אונטער א פריפעטשיק ערגעץ, וועלן צו מיר יונגע לייצים און לייצימלעך קומען, אף מײַן צײַט און עלטער מיך פרעגן און בא מיר מײַסעס בעטן.

— און דו, שעד ?

— און איך וועל דערציילן.

— בעט איך דער ערשטער: דערצייל עפעס.

האָט זיך דער שעד א ווײַלע געקווענקלט, ווי נישט געוואָלט און אָנשטעלן געמאכט, האָט אים אָבער דער יונגער א דארן

שפּיץ פינגער אונטער דער הויט און אונטער די ריפּן ארונטער־געראַקט, אים געטאָרקעט און כּיישעק אונטערגעגעבן: „נו, נו, שעד, מאַך זיך ניט נאַריש"... האָט ער זיך אונטערגעגעבן און אָנגעהויבן:—

— ס'איז געווען, ווען איך בין נאָך יונג געווען, טלאָען און הערנער זײַנען נאָך שאַרף געווען און פיס האָבן געדינט — אף ווינט און אף פעלד, אף בערג און אף טאָלן און וווּהין מ'האָט געדאַרפט,—האָב איך אמאָל אין א באַנאַכט א באַפויל באַקומען: אין א וואַלד זיך לאָזן, באַ זײַן אָנהייב און זײַן גרענעץ וואַרטן מ'דאַרף מיך דאָרט, ס'איז דאָ אַן אַרבעט...

בין איך אַוועק. אָנגעקומען, האָב איך דאָרט א יונגן לעץ געטראָפן, ער האָט זיך שוין אַרומגעדרייט, האָט אף מיר גע־וואַרט און באַלד, און מיך דערזעענדיק, מיר אַזוי געזאָגט:

— באַלד וועט דאָ א מענטש דורכפאָרן, פון וואַלד און פון טיפן אָנקומען, דאַרף מען אים פון וועג אַראָפּפירן, דאַרף מען אים פאַרדרייען...

איז אַזוי געווען. באַלד האָבן מיר פון וואַלד א פור פאָרן דערהערט, ס'האָט א מענטש די פערד געטריבן, זיי געגוקעט און און אין וואַלד און אין טיפקייט דאָרט מיט קאָל זיי געוועקט. זײַנען מיר באַלד, אפן וועג, וואָס אין וואַלד, אַרוף, אף זײַן ברייט זיך א וואָרף געטון, איינס אפן אַנדערן און איינס איבערן אַנ־דערן שפּרינגען, קײַקלען און וואַרפן זיך געגומען, איך אף אים און ער אף מיר, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, און האָקוס־פּאָקוס— און, אַז דער מענטש איז שוין צו אונדז און צו אונדזער אָרט מיט דער פור אָנגעפאָרן, אַזוי האָבן זיך אים באַלד דער וואַלד אינײַנעם מיטן וועג א דריי און א מיש אויס געטון, האָבן זיך פּלוצים די פערד א שטעל געטון, וואָגן און דישל אין עפּעס זיך אָנגעשלאָגן און שטיין געבליבן, און שוין: קיין וועג און קיין שטעג, נאָר ביימער באַ ביימער, ביימער אַרום ביימער, און די פור איז פאַרטשעפּעט, און די פערד און דערשראָקן, אין וואַלד און אינמיטן.

איבערגעשראָקן און אומגעריכט, איז דער מענטש פון דער פור אַראָפּגעשפּרונגען, צו די פערד און צו די פענימער זייערע



פֿײַן!

צו, איז ער פאַר זיי און ווי פאַר זייער דערשראָקנקײַט געשטאַ־נען, ביז זיי וועלן זיך פון דערשרעק און פון מוירע זייערער באַפרײַען, ביז זיי וועלן צו זיך קומען און ווײַטער און פערדיש אים אין די הענט זיך געבן. דאָס דערזעען, זײַנען מיר, איך מיט מײַן אַנדערן, צו די פערד און צו די פּונהינטנס זייערע צו, ביידע אין איין צײַט, מיטאמאָל אין די פיס מיט שרעק־פליגן זיי א שרעק געטון, האָבן זיי זיך מיט אימפּעט און נאָך האַסטיקער א ריס און א הויב געטון, פון שפּאַן און פון האַלאָבליעס אַרויס און ווילד און מעוווּלבל פון מענטשנס הענט זיך געריסן. אָפּגעלאָזן און אי־בערגעלאָזן האָט דער מענטש די פערד און פור־פאַרפּלאָנטונג דעמאָלט, איז ער פון זיי אביסל אָפּגעגאַן, זיך אַרומקוקן גענו־מען: ווּ איז ער דאָ, וווּהין איז ער דאָ אַרײַן, און ווּ אַרום קריכט ער דאָ אַרויס פונדאַנען? — איז ער אַזוי געשטאַנען און געשטאַנען, געקוקט און געקוקט, און אָט האָבן מיר, איך מיטן לעץ מיט מײַנעם, פונווײַטנס און פון א סטעזשקע, ווי צוויי מענטשן זיך באַוויזן. איינער נאָכן אַנדערן, שטיל און באָרוועס, זײַנען די צוויי מענטשן פון וואַלד אָנגעקומען, אָוונטיק און ווי מ'גייט אין וואַלד, נישט גערעדט און, ווי מ'ווײַזט זיך אַרויס אינמיטן, זײַנען זיי אים אָנגעקומען, זיך דערנעענט, און דורך אים און דורכן אָרט זײַנעם באַלד דאָ דורכגיין געדאַרפט. האָט ער זיי אויסגעוואַרט, דער מענטש, און אַז זיי זײַנען אונטערגעקומען, האָט ער זיך צו זיי געקערעוועט און אַזוי געזאָגט:

— א גוטן אָוונט, מענטשן... עפּשער ווייסן זיי, ער האָט דאָ ערשט ניט לאַנג פונעם וועג אַראָפּגעבלאָנדזעט, עפּשער קענען זיי אים אַרויסהעלפן און אים אפן ריכטיקן אַרויספירן?...

— זיי קענען, און פאַרוואָס זאָלן זיי נישט קענען?

— און ווי ווײַט איז דאָס פונדאַנען?

— עט, און גאָר א קלייניקײַט, זאָל ער זיי נאָכגיין, זיי גייען אַהין און ס'איז נישט ווײַט פונדאַנען... געגלויבט און נאָכגעגאַן איז דער מענטש נאָך זיי, נאָך די דורכגייערס דעמאָלט, שטיל און הינטער די פּלייצעס זיי און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, שטיל און פאַרלאָזט זיך און שווײַגנדיק געגאַנגען, — און אָט, און

ווי נאָר די פֿארשוינען האָבן דעם מענטשן פֿון זײַן אָרט און פֿון פֿערד־און־וואָגן ארויסבאַקומען און אינײנעם מיט אים א שטיקל וועג אָפּגעגאַן, אזוי האָט זיך זיי פּלוצים ווי די סטעזשקע אינמיטן אויסגעלאָזט, זײַנען זיי שטיין געבליבן, האָבן זיי זיך פֿארהאלטן, און ווי פֿארכידעשט ארומקוקן זיך גענומען: וואָס הייסט עס, ווּ זײַנען זיי, און ווי קומען זיי אהער גאָר?... אין דעם, און ווי דער מענטש איז הינטער יענע און הינטער פּלייצעס זיי געשטאנען, אזוי האָט אים ווײַטער אין די אויגן עפּעס א דריי און א שווינדל געטון און ווײַט און אין ביימער־ווײַטקײַט האָט ער א שטיבעלע און זיך לויכטן דערזעען, און די פֿארשוינען זײַנען שוין נישט געווען.

איינע איז אין שטיבעלע אן אײַנגעשרומפּענע זקיינע בא א זיפּ מיט פּעדערן געזעסן, דער צווייטער, דער מאן און וואלד־שוימער ״ירער, איז אפֿן אויוון און אײַנגעדעקט געלעגן, און אָוונטיק און פֿארטון זײַן שוימער־שלאָף געשלאָפֿן...

און דער מענטש האָט זיך צום שטיבעלע געלאָזט. אָנגעקומען, האָט ער באלד אין פֿענצטערל אָנגעקלאַפּט:

— עפֿנט, מענטשן גוטע!—איז די אלטע אים עפֿענען ארויסגעגאַנגען, האָט זי אים אף דער טיר באַגעגנט, איז ער אף דער שוועל געשטאַנען, פֿרי֞ער די אויגן פֿאר דער ליכט געזשמורעט, דערנאָך זיי ארוף, אף דער סטעליע אופֿגעהויבן, און דאן אף ערד זיי ארָאָפּגעלאָזט, אף די ווענט און א־ום זיך ארומגעקוקט און לעסאָף ארויסגעזאָגט:

— עפּעס פֿארשטיי איך נישט און עפּעס בין איך דאָ...

— וואָס?—האָט די אלטע אף א קאָל געפֿרעגט.

— כוישעד,—האָט דער מענטש שטאַמלענדיק געענטפֿערט.

— וואָס און וועמען?

— כ׳ווייס אליין נישט.

— וואָס־זשע רעדסטו, מענטש איינער?

— כ׳ווייס נישט... כ׳האָב דאָ פֿון וועג אראָפּגעבלאָנדזעט, האָב איך צוויי מענטשן באַגעגנט, האָב איך בא זיי געפֿרעגט, האָבן זיי מיך געפֿירט, זײַנען זיי נישט געבליבן, האָב איך דאָס שטיבעלע דערזעען, פֿארשטיי איך נישט...



— איז וואָס־זשע וואָלסטו געוואָלט?

— וואָלט איך געוואָלט? עפּשער איז מעגלעך, מ׳זאָל מיר קלאָר מאכן און אפֿן וועג ארויספֿירן?... .

— ארויספֿירן? האָט די זקיינע איבערגעפֿרעגט, צום אָרט צו אירן צוגעגאַנגען, פֿאר דער זיפּ זיך גענומען און צום אויוון ארוף זיך געקערעוועט:—

— אלטער, הער נאָר: ס׳האָט דאָ א מענטש פֿארבלאָנדזעט, דארף מען אים דעם וועג ווײַזן, קריך אראָפּ...

האָט דער אלטער דאָרט די אויגן געעפֿנט, האָט ער פֿון זיך דעם צודעק אָפּגעדעקט, דעם קאָפּ אופֿגעהויבן, דערנאָך אף שטוב און אף מענטש אראָפּגעקוקט, שלעפֿעריק זיי באַטראַכט א ווײַלע, דערנאָך אראָפּגעקראָכן, דעם פּעלץ אף זיך גענומען, צו דער טיר צוגעגאַן און צום מענטשן א זאָג געטון:

— קום...

און אָט, און ווי דער מענטש איז נאָך בא דער טיר געשטאַנען און איידער ער האָט נאָך די שוועל אריבערגעטראָטן, אזוי האָט זיך פּלוצים אין שטיבעלע דאָס ליכט אויסגעלאָשן, סטעליע פֿון אויבן און ווענט פֿון ארום זײַנען נישט געבליבן, דער מענטש איז צוריק אין דרויסן און אין וואלד געווען, פֿאר א נאסן, מאָכיקן און פֿיר־ווענטיקן ברונעם געשטאַנען און פֿאר איינע פֿון די ווענט, פֿאר איר נאסקײַט און פֿײַכטקײַט, פּלוצים און מיט די הענט אין איר זיך האלטנדיק געטראָפֿן.

— טפֿו! — האָט דער מענטש אין ברונעם ארײַנגעשפּיגן און האסטיק אָפּגעשפּרונגען.

— שפּײַ ניט!..—האָט זיך פֿון דאָרט א קאָל דערהערט און א קאָפּ האָט זיך באַוויזן.

— וואָס הייסט עס? — האָט דער מענטש שוין באם קאָפּ א פֿרעג געטון.

— ס׳הייסט, אז דו ביסט אין אונדזער רעשוס ארײַן און אין אונדזער מעמשאָלע געקומען.

— איז וואָס וועט זײַן?

— וועסטו טון, וואָס מיט דיר הייסן.

- און הייסן וועט מען מיר?

— דאָס ערשטע : אין ברונעם קריכן.

— כ׳וויל נישט.

— נעם אים !—האָט דער לעץ צו מיר, צום הינטער מענטשן שטייענדיקן, א געשריי געטון : נעם אים !

און אָט, און איידער דער מענטש האָט זיך נאָך אויסדרייען און זיך ווערן אָנהייבן גערירט, אזוי האָב איך אים באלד פאר די פיס און פון הינטן־ארום א כאפּ געטון, און — פּוּק. און מיט־אמאָל איז ער שוין אין ברונעם ארײַנגעפלויגן...

אָפּגעפּליוסקעט און אָפּגעאָטעמט האָט דער מענטש זיך פון וואָרף פון פלוצימדיקן, און, אז ער איז צו זיך געקומען, אז ער איז דעם ערשטן שרעק און פארדראָס איבערגעקומען, האָט ער בייז און הארטנעקיק אף דעם לעץ א קוק געטון און מיט שטאָלץ און פאראכטונג בא אים נאָכאמאָל א פרעג געטון :—

— און ווײַטער ?

— האָט א קו אן אײַטער... און אז מ׳גיט נישט, נעמט מען אליין, און דו ביסט אין אונדזער רעשוס איבערגעגעבן.

— האָב איך שוין געהערט.

— איז גוט.—און דאָ האָט זיך דער לעץ צום מענטשן אויסגעדרייט, צו איינע פון די ברונעם־ווענט זיך געקערעוועט און אין איר אָנגעקלאפּט. האָט זיך דאָרט באלד א טיר געעפנט, אין א קאָרידאָר און אין א קויטיקן, אין א לאנגן און א נאכטישן, האָט אף דער סטעליע דאָרט און אין מיט עפּעס א לעמפּעלע געברענט, א פארשטויבטס און א צוגעשלאָגנס, האָט עס שוואך און צוגעשלאָגן דעם קאָרידאָר און די ווענט באלויכטן, די ווענט, וואָס מיט טירן צוגעמאכטע, צוגעשלאָסענע און דאָרטיק־שווײַגנדיקע... איז דער לעץ ווײַטער צו איינע פון זיי צוגעקומען, אָנגעקלאפּט, האָט זי זיך געעפנט, האָט דער לעץ פריִער דעם מענטש ארײַנגעלאָזט, דערנאָך מיר דעם וועג אָפּגעטראָטן און דעם מענטשן נאָכגיין געהייסן, און לעסאָף אליין ארײַנגעגאן און אין יענעם הויז אָנגעקומען. און דאָ האָבן מיר זיך אין א שענק און אין א זײַטיק שענק־שטיבל געטראָפן.

the wall of the well opens into a tavern

נישט געוועזן איז אין דעם שטיבל גאָרנישט : קיין מענטש און קיין הויז־ראָד, אין דער מיט נאָר און בא די ווענט זײַנען איניקע



טישלעך און בענקלעך געשטאנען, אופגעראמט און צוגעגרייט, און פּוסט און באלויכטן שענקעריש אף עמעצנס קומען און אָנקומען געווארט. האָבן מיר זיך בא א טישל באזעצט, באלד האָט דער לעץ דאָרט אָנגעקלאפּט, האָט זיך א דינער באוויזן — א שטילער און אן אָנגעבריייטער, אָנגעקומען און אף דינען גרייט, איז ער צום לעץ דאן און פאר בענקל צוגעגאן. מיט רעספּעקט און דינעריש זיך עטוואָס צוגעבויגן, פאר אים געשטאנען, אים אין מויל געקוקט און אף זײַן וואָרט און באפויל געווארט.

— ווײַן !—האָט דער לעץ אים א זאָג געטון. און דער דינער איז נישט געבליבן.

א פּאָר מינוט, און דער דינער האָט זיך מיט פלעשער און גלעזער אומגעקערט, זיי אף אונדזער טישל אוועקגעשטעלט, פּינקטלעך און אקוראט צוגעגרייט און ווי ס׳באדארף צו זײַן, אליין און אין דער זײַט ארײַן אָפּגעגאן, און מיט אָפּשײַ און קאָוועד ווײַטער אף אונדזערע ווילנס און באגערן געווארט.

און גענומען האָט דעם לעץ א פלאש דאן איינע פון די אפּן טיש שטייענדיקע, פריִער דעם מענטש און אין זײַן גלאָז אָנגעגאָסן, דערנאָך מיר און אין מײַנער, און לעסאָף און זײַנע אייגענע גלאָז אָנפילנדיק האָט ער זי אופגעהויבן, פריִער אקעגן מיר, דערנאָך דעם מענטשן און אקעגן די אויגן געשטעלט, און אזוי, און גאָרנישט ניט זאָגנדיק, דאָך באפוילנדיק געפאָדערט :

— מיר טרינקען !—און דער מענטש האָט ניט אָפּגעזאָגט.

צום צווייטן מאָל האָט דער לעץ די גלעזער אָנגעפולט — און דער מענטש האָט געפאָלגט.

און אז דער מענטש האָט צום דריטן מאָל זײַן גלאָז אויסגעליידיקט, האָט מען געזעען, ווי עפּעס איז ער אנדערש און איבערגעביטן געוואָרן, עפּעס איז אים איבערן פּאָנעם א נײַס און נישט פריִערדיקס איבערגעגאן, איז ער ווי היימישער און מילדער געוואָרן, ווי באלוינט און באגוטיקט, אין פאָרגעקומענעם פארגעסן און מויכל געווען, איז ער פון זײַן בענקל אופגעשטאנען, צום לעץ דאן צוגעגאן, און אופגעלייגט און גוטמוטיק אים שוין אין די פּלייצעס קלאפּנדיק, אזוי א זאָג געטון :—

— אי, לייצים, ס׳איז דאָך גאָר ניט אזוי שלעכט, לייצים!..

— וואָס ניט שלעכט? — האָט דער לעץ שמייכלענדיק איבערגעפרעגט.

— טאקע א לעץ צו זײַן — האָט אים דער מענטש געענטפערט.

— ווען מיר, עפשער, א בײַט מאכן?

— אָך! — איז דער מענטש צופרידן געווען און באשטאנען, — מיט די גרעסטע קאָוועדן, כ׳בין גרייט און פארטיק. און טאקע באלד, און טאקע טייקעף.

געווארט דערוף האָט דער לעץ שוין פונלאנג, און אָט, און ווי ער האָט דאָס נאָר דערהערט, אזוי איז ער באלד און פון זײַן בענקל אופגעשפרונגען, צום מענטשן צוגעגאן, נישט געזאָגט און נישט גערעדט באלד פון זיך די פעל און די הערנער אראָפּגענומען און אף מענטש זיי אָנגעטון, דערנאָך שוין גיכער די טלאָען פון זיך און די שיך פונעם מענטשן אראָפּגעשלעפּט און מיט אים זיך געבײַטן: זיך די שיך און אים די טלאָען אָנגעטון, האָט ער זיך דאן שוין אײַלן און אונטעריאָגן גענומען, און אזוי און אײַלנדיק, און אזוי בעשאס אָנטון דעם מענטשן — אלץ פון לעץ און קויעך פון לעץ אים איבערגעגעבן, מיט שפרוך און געשפּראָכן, מיט מויל און געשעפּטשעט, און זאָל ער טון, וואָס ער וויל, און זאָל ער טון, וואָס ער קען, און זאָל אים ווילבאקומען...

אָנגעטון און פארטיק געוואָרן, האָט דער לעץ דעם מענטש און פון פאר זיך א שטופּ געטון, אף וועדליק ער זאָל אים באטראכטן קענען דערווײַטערט, אליין פון אים אָפּגעגאן, זיך אים אקעגן געשטעלט, מיט די אויגן פון קאָפּ ביז פיס אים א מעסט געטון, לעבעדיק און לאכנדיק אים באטראכט אזוי, און אזוי אים באטראכטנדיק, ווי געפרייט זיך און געקוואָלן, געקוואָלן און נאכעס געקליבן: אָט אזוי, אָט אזוי, און גוט און וויל, און וויל און גוט, און ווי איך בין א לעץ, און ווי דו ביסט א מענטש, און ווי מיר זײַנען ביידע...

— און איצטער, מענטשל, פריילעכס!

און א שאף און א ווונק האָט דער לעץ דאן צום דינער געגעבן, האָט דער דינער ברייט א טיר און אין זאל ארײַן אן עפן געטון, איז די זאל גרויס און אומגעהייער געווען, האָט אין איר



מיט שענק־כאָלעל און ליידיקײַט געשמעקט, האָט פון איר און פון ערגעץ א ליכט געשלאָגן, איז זי ליכטיק און באלויכטן געווען, ליכטיק און ווי די זאל די גרויס, ליידיק און מיט הוילע ווענט נאָר דאָרטן.

און ארײַן אהין זײַנען לעץ און מענטש שוין איבערגעטאָנענע דעמאָלט, זײַנען זיי אין דער מיט ארײַן, האָט מיר דער לעץ באלד א ווונק א באפויל געגעבן, האָב איך זיך גיך און ווי מ׳האָט באדארפט, ווי איך קען און ווי פײַל פון בויגן, איבער זאל און קײַלעכיק, בא די ווענט און בא דער ערד זיך געטראָגן, אומעטום און ווי ס׳איז נייטיק געווען אין די ווענט דאָרט אָנגעקלאפּט. האָבן זיך באלד טירן געעפנט, קליינע טירן און גרויסע טירן, אויבער־טירן און אונטער־טירן, בא דער סטעליע און בא דער ערד דאָרטן. און — נעפאשעס האָבן זיך באוויזן: — פריִער קליינינקע און מענטשעלעך, וועווריקלעך און ברוימלעך, זיך ווארפנדיקע און ברעכנדיקע, פון די ווענט און פון גלײַכע ווענט, מיט מענגעס און מיט מאסן, מיט געפּעק און זיך ארײַנגעשיט, מיט מאכנעס און ארײַנגעקומען, און באָטועך און פארזיכערט, אין זיך און אין זייערן, אין קומען און אין אָנקומען זייערן; זײַנען נאָך זיי עלטערע אָנגעקומען: גרעסערע און ערנסטערע, שוין בארוטערע און געזעצטערע, דורך טירן און דורך לעכער פון טירן, פאמעלעך און אָפּגעשטעלט, און מיט כעוורעס און מיט בינטלעך, און מיט אוילעם און מיט גרויסן, און אלץ מיט הערנער און מיט עקן, און אלץ פאריסן און ווי ס׳פּאסט פאר זיי, און אלץ פאמעלעך און ווי ס׳געהער פאר אזוינע; און ווײַטער האָבן זיך ארײַנגעלאָזט — א מענגע און א מאסע, מיטאמאָל און מיט א טשערעדע א גרויסע און א שטויביקע, א פולע און אן אָנגעפּאקטע, אן ענגע און א האָריקע, — ארײַנגעגאנגען און — אן אָרט פאר די, וואָס נאָך זיי, געלאָזט; און... מוידן האָבן זיך א לאָז געטון, גרויסע און צעלאָזענע, מעשונעדיקע און פארשיידענע, פארשײַטע און צעפּאטלטע, מיט פיס און אף העפקער, מיט טנועס און מיט לײַבער, מיט נאקעטע און מיט ווײַבער, מיט כויזעק און כאליאסטרע; און לעץ מיט קאפּעליע, מיט שיידים און מיט טאצן, מיט לייצים און מיט קלאפּער־געצײַג אינגאנצן.

און ווייַטער האָט דער לעץ דאן באפוילן; א טיש! זאָל אין זאל און אין דער מיט א טיש געבראכט און אוועקגעשטעלט ווערן, דער מענטש וויל ארוף, דער מענטש וועט עפּעס באווייַזן...

איז דער מענטש, די לעצטע ווערטער פונעם לעץ אויסהערנדיק, ווי מעוווּלוול געוואָרן, האָט ער זיך אין א זייַט אָפּגערוקט, צווישן אוילעם זיך אויסמישן געוואָלט, האָט אים אָבער דער לעץ דעם וועג איבערגעטראָטן, פארן אוילעם אים פארשטעלט, אים נישט גיין געלאָזט, אים געמונטערט און כיישעק אונטערגעגעבן: ניט געזאָרגט, מענטש, און נישט געשעמט זיך, ס'איז נישטאָ פאר וועמען, ס'וועט גוט זייַן, און ס'וועט גוט ארויס.

האָט מען שוין אין זאל צו דער צייַט דעם טיש אריינגעבראכט, פריילעך און ראשיק האָט דער אוילעם ווארטנדיק, דערווייַל אין זאל פארבראכט, מין מיט מין און באשעפעניש מיט באשעפעניש האָבן דאָרט מאכנעסווייַז און אף פארשיידענע לעשוינעס גערעדט און צו טון געהאט, גרויס מיט גרויס און קליינס מיט קלענערס האָבן געטומלט, און אז אלץ איז שוין גרייט געווען, און אז דער טיש איז שוין אף זייַן אָרט געשטאנען — אופגעשפרונגען און אין ראש איז אף אים דער לעץ צום ערשטן, בּרייט און באדכאָניש, און פרייַ און פריילעך צו מענטשן פון דאָרט א האנט געגעבן, אים צוגערופן, אים ארופגעהויבן און אים ארופהייבן-זיך געהאָלפן. און דער מענטש איז, בעיין ברײרע, אפן טיש ארופגעגאנגען, און נאָך וויינֹיקן קווענקלען־זיך און שעמען און דעם אוילעם־ראש איבערווארטן, צום אוילעם זיך געקערעוועט און אזוי געזאָגט: —

— אוילעם, זייַט־זשע וויסן: אליין בין איך פּראָסט, כ'האָב קיינמאָל פאר דער וועלט אַון פאר קאָהאָל נישט ארויסגעטראָטן, בין אָבער אין אייַער רעשוס געקומען, האָב איך זיך נאָך דערצו מיט לעץ און מיט פעל געביטן, בין איך געגייט, מוז איך טון, וואָס אירווילט, בין איך גרייט צו דינען... זאָל מען־זשע פון מיר פאָדערן, און וואָס נאָר איך וועל קאָנען, דאָס אלץ וועל באווייַזן.

— די שאנד! זאָל ער די שאנד באווייַזן! — האָט דער אוילעם אין איין קאָל געשריגן.



— וואָס מיינט מען דאָ? — האָט דער מענטש געפרעגט.

— זאָל ער זיך אליין אין פּאָנעם שפּייַען און אין זייַן צורע כראקען.

— ס'גייט נישט, לייצים.

— פארוואָס איז?

— ס'קאָן עס נישט דער מענטש: דאָס מויל איז אים אין פּאָנעם.

— וועלן מיר שפּייַען! לאָ'מיר אים שפּייַען! — האָבן לייצים צום טיש און אפן טיש זיך געריסן.

— האלט אוף! — האָט דער לעץ דאן, וואָס איז אפן טיש מיט מענטשן געשטאנען, אויסגעשריגן, אקעגן לייצים זיך געשטעלט און די הענט אפן מענטשן באשיצן אויסגעשטרעקט, — האלט אוף, רעדט צו דער זאך און פאָדערט, וואָס ס'איז מעגלעך.

— זאָל ער־זשע פון זייַן הויט ארויס... זאָל ער זיך אף זייַן אנדערער זייַט איבערקערן, לאָמיר זייַן אינעווייניקסט און זייַן לונג־און־לעבער זען...

— ער קאָן נישט: פון דער אייגענער הויט קריכט מען נישט! — האָט דער לעץ ווייַטער געשריגן.

האָט דער אוילעם צום דריטן און צום לעצטן מאָל אויסגערופן:

— זאָל ער־זשע פון זייַנס און זייַניקעס באווייַזן, פון מענטש און מענטשלעכעס, און וואָס ס'קאָן א מענטש און אף וואָס ער איז פּעיִק.

— גוט, — איז דער מענטש באשטאנען.

און אויסגעגלייַכט זיך, מוסקעם און מיטן קאָפּ אף יאָ געשאָקלט, געווארט האָט נאָך דער מענטש א ווייַלע פון אויבן אפן טיש דאָרט שטייענדיק, ביז די קוילעס וועלן אופהערן, ביז דער אוילעם וועט זיך אונטן בארויִקן, און אָט, און אז זיי זייַנען שטיל געוואָרן, און אז זיי האָבן אלע ווייַטער די קעפּ צו אים אופגעהויבן און פון אים שוין אפן ווייַטערדיקן געווארט, האָט זיי דער מענטש אזוי געזאָגט:

— ווילט איר, לייצים, דעם מענטש און דאָס זייַניקע זען, וואָס ס'קאָן און וואָס עס ווארפט ארויס א מענטש, דארפט איר



173012

אים פולע פרײַהײַט געבן, אליין און אלע אין זײַן רעשוס זיך איבערגעבן און טון, וואָס ער וועט הייסן. און שווערן זאָלט איר אים בא זיך און בא יעדערן, בא איידע און בא אלעם הייליקן און בא אייערע הערנער אלע — און אנדערש נישט.

— וואָס הייסט עס? — האָבן זיך לייצים פארוווּנדערט און נישט פארשטאנען, אָנגעלאָפן און בייז געוואָרן און איינס מיטן אנדערן זיך איבערקוקן און איבערפרעגן אָנגעהויבן:

— וואָס הייסט עס? ער בא אונדז און מיר אים שווערן? און ווער נייט עס אונדז, און ווי זײַנען מיר באוואָרנט?..

— איך וועל אויך שווערן, — האָט זיי דער מענטש באגוטיקט.

— בא וואָס? — האָבן לייצים געפרעגט.

— בא זיך און בא אלעם מענטשלעכן.

— ס'איז פאלש און פליישיק!

— בא וואָס דען?

— בא די הערנער דײַנע. דו טראָגסט זיי איצט, דו נוצסט זיי איצט און האָסט איצט זייער קויעך, דארפסטו בא זיי שווערן. און וועסטו זיי פארשוועכן, און אויב דו וועסט די שוווּע ברעכן, וויסן זאָלסטו זײַן, אז קיין לעבעדיקער וועסטו נישט ארויס פונדאנען.

— גוט, — איז דער מענטש ווײַטער באשטאנען.

און אונטערגיין און פארזאמלען האָבן באלד נאָך דעם די שיידים זיך גענומען, פריִער קליינס באַ קליינס און בא דער ערד זיך געהאלטן, דערנאָך ראנד־ארום און ארום, זיי האָבן גרעסערע זיך אויסגעשטעלט — קליינס בא קליינס און גרויס בא גרעסערס — האָט זיך אין זאל א פארנעם־גרויסע, מוירעדיקע און שטיל־געוואָרענע שיידים־און שוווּע־ראָד געבילדעט, אף דער ראָד און איבער איר האָט דער לעץ, וואָס איז אפן טיש געשטאנען, געהערשט, איבער איר די הענט געהאלטן און געשעפּטשעט און א שפרוך געשפראָכן, און אזוי און די הענט האלטנדיק, און אזוי און שפרעכנדיק, אף ראָד און אף שיידים, אף שיידים און אף ראָד, די שוווּע און איר הארבקײַט, די שוווּע און איר פײַערלעכקײַט געגעבן.

— און איצטער—איר, — האָט זיך פון דער ראָד און נאָך איר אָפּשווערן א קאָל און צום מענטש און לעץ זיך געקערעוועט, דערהערט.

he must swear
by his horns



און נישט צוגעגאנגען, און אפן אָרט געבליבן זײַנען שיידים אין דער ראָד און אין פריִערדיקן סיידער שטייענדיק, האָבן זיי זיך אזוי ווי פריִער און ווי בא זייער שוווּע געהאלטן, האָבן זיי דערזעען, ווי שטיל און אומגעווײנלעך דאָרט זײַנען זיך אפן טיש פון אויבן דער לעץ און דער מענטש צונויפגעגאן, ווי אָפּגעווערעדט און ווי פון פריִער באשטימט איינער צום צווייטן די קעפּ צוגעבויגן, קאָפּ צו קאָפּ און שפּיץ־קאָפּ צו שפּיץ־קאָפּ, די קערפּערס פון ווײַטן אָפּגעטרעטן, און אזוי און אָנגעבויגן, און אזוי אַון מיט די קעפּ זיך נאָר אָנגערירט, האָבן זיי אף זיך און וואָס אף זיי איז מוטל גענומען — פון זיך און פון אויבן, פון שיידים און פון אונטן, און פון אלעמען און אף היטן...

און, אז דער מענטש מיטן לעץ האָבן לעסאָף די קעפּ אופגעהויבן און זיך צעגאנגען, האָט דער מענטש שמייכלענדיק און אופגעלייגט, צום אוילעם זיך געקערעוועט און אזוי געזאָגט: —

— און איצטער, לייצים, לאָמיר אין דער שוווּע פארגעסן און צו דער זאך זיך נעמען. איך לייג פאָר: זאָל אהער באלד א שפּיגל געבראכט ווערן, זאָל מען אים אקעגן מיר און בא דער וואנט אוועקשטעלן, אלע איר זאָלט זיך צו אים און צו זײַן גלאָז אויסדרייען, און איך און אליין וועל פאר אײַך און זײַן גלאָז זיך ווײַזן און דאָס אויסגענומענע און פון אײַך געוווּנשענע, ווי גערעדט און דער מעדובער איז געווען, פאר אײַערע אויגן פאָרשטעלן. און א טנײַ נעם איך מיט אײַך אויס: קיין וואָרט און קיין באוועגונג, נאָר זען און שווײַגן.

— גוט.

און א לאָז געטון און ארויסגעשיקט זײַנען באלד און פון איידע צוויי שעליכים געוואָרן, זײַנען זיי אין א טיר, וואָס אין א זײַטןצימער, ארײַן, א פאָר מינוט זיך דאָרט פארזאמט, באלד האָט זיך פאר זיי ברייט און א וואָרע־מאכנדיק די טיר אף צוריק געעפנט, האָבן זיי פון דאָרט א שפּיגל געטראָגן, אים אין זאל ארײַנגעבראכט, אפן אָרט, ווי מענטש האָט געהייסן, אים אוועקגעשטעלט, און באלד און אין אים א קוק טוענדיק, האָבן שוין די גאנצע איידע געקערט צו אים און אָפּגעשפּיגלט אין אים געפונען.

און אין זאל האָט עפּעס טונקלען אָנגעהויבן, עפּעס פינצטערלעך און פינצטערער ווערן, דאָס ליכט פון זאל האָט זיך לעשן גענומען, אויסגיין און אלץ ווייניקער ווערן.

איז די איידע שוין אין דער פינצטער קימאט און איינייגעם פון הינטן געשטאנען, דער מענטש איבער זיי און אפן טיש פון אויבן, האָבן זיך די שיידים מיטן מענטשן אין שפּיגל איבערגעקוקט און געוואַרט אף אים, דער מענטש אָבער האָט נאָך געזאמט, געשטאנען און צײַט געהאט. און פארטראכט און פארטראָגן צוריק אין שפּיגל ארײַן געקוקט. און פּלוצים... און אופגעכאפּט האָט זיך דער מענטש פון קוקן און פוןווארטן לאנגן, האָט ער עפּעס מיט דער האנט א מאך געטון, איז עפּעס מיטאמאָל און נישט־קלאָרס אפן שפּיגל איבערגעגאן, און די שיידים האָבן דערזעען:

אף גראָ און פינצטערלעך איז מיטאמאָל דעם שפּיגלס מארע פארענדערט געוואָרן, אף וואסער־קאָליר און נישט צו זען דאָרט גאָרנישט. איז דאָס גראָווקײַט רירעוודיק און שיטער געווען, האָט זיך עס ווי באוועגט און נישט אײַנגעשטאנען, די גאנצע צײַט אין איין בײַטן און אומענדערן זיך געהאלטן, האָט זיך עפּעס געטון אין שפּיגל, איז מיטאמאָל דאָרטן נאכט געוואָרן, כוישעך און יאָמעש־כוישעך, פינצטער און שטאָק־פינצטער, און הויך און פון אויבן האָט זיך א לאמטערן באוויזן, א רויטער און אן אומרויִקער, א שרעקנדיקער און ווי אף סאקאָנע וואָרנדיקער האָט ער דאָרטן א וועג באלויכטן, א ווײַטן און א נאכטישן, א לאנגן און אן ארופגייענדיקן; האָט זיך אף אים א מענטש באוויזן, א גייער און שוין א לאנגאָנענדיקער, א פארשטויבטער און א פארוואָגלטער, איז ער אזוי אף וועג און ארוף דאָרט געגאנגען, און באלד שוין פון אויג און פון האָריזאָנט געזאָלט פארשווינדן. אין דעם, און ווי דער גייער האָט שוין דאָרט ווײַט און קליין און ווי א פינטעלע אויסגעזעען, אזוי האָט זיך פּלוצים און אף צוריק־זײַן־וועג די ערד אין דער מיט געעפנט, האָט זיך א הייל דאָרט באוויזן, פון דער הייל און פון דער טיף אירער האָט זיך א קאָפּ ארויסגעוויזן, און פאמעלעך־פאמעלעך פון הינטן און ארוף און אופגיין דאָרט גענומען.

דאָס איז אן אלטער, גראָוער און אײַנגעבראָכענער לעץ געווען.



און אופגעגאן, זיך אוועקגעשטעלט, און ווײַט ארומקוקן־זיך האָט דער לעץ, דער אלטער, בא דער ראנד פון הייל אָנגעהויבן, געקוקט און געקוקט, פאמעלעך און זיך אײַנגעקוקט, און ארום און ארום — אין פעלד און אין אלע עקן פעלד, און דערנאָך, און אז ער האָט לעסאָף דעם מענטש שוין ווײַט און באם האָריזאָנט דאָרט דערזעען, האָט ער באלד א האנט און רערלדיק צו דעם מויל זײַנעם צוגעשטעלט און הויך און אף א קאָל אים רופן גענומען:

— מענטש־דאָרט, מענטש־דאָרט, קער זיך אום אהער!

דערהערט האָט דער מענטש דאָס קאָל פון דער ווײַטן, האָט ער זיך אויסגעדרייט, האָט ער זיך א שטיקל צײַט אף צוריקוועגס אײַנגעקוקט, ביז ער האָט פון זײַן אָרט דאָרטן דעם לעץ דאָ דערזעען, איז ער נאָך א פּאָר מינוט אזוי געשטאנען, ווי געווארט און זיך געִשעוועט, און דערנאָך און ווי עפּעס א באשלוס אָנענמענדיק, צוריק געקומען, האָט אים דער לעץ אזוי געזאָגט:

— מענטש, איך קוק דיר שוין נאָך פונלאנג, כ׳האָב דיך אין לאנגע נעכט געזעען, איך ווייס ווער דו ביסט, איך וויל דיר עפּעס פאָרלייגן. ס׳איז בא מיר א טאָכטער דאָ, און אײנע פון די שיינע, און ווי ס׳גיט זיך אויס בא אונדז, און איך בין שוין אלט, וויל איך פון איר קינדער זען, וויל איך פון איר קינדער דערלעבן, זיי האלטן און זיי ליבן, און דו האָסט קיין קינדער נישט, און ווילסט האָבן און וועסט נישט האָבן, און פון איר יאָ — קום מיט מיר...

— און ווער בין איך?

— דער אָקער.

— נו?

— לייג איך דיר מײַן טאָכטער פאָר.

— און צו איר?

— אלע אייגנשאפטן און אלע מעגלעכקײַטן פון לייצים און פון דוירעס: דײַן וועלט אף זיי און דײַן מעמשאָלע אף זיי, און — נאָכאמאָל — א טאָכטער אן אויסנאם.

— און די קינדער? האָט דער מענטש געפרעגט.



elderly demon proposes his daughter in marriage for the sake of seeing/loving his progeny

— זײַנען דײַנע, — האָט דער לעץ געענטפערט, — כ'זאָג זיך אָפּ פון זיי און פון צו שאפן אף זיי, זאָלן זיי צו מענטשן זײַן און צו אלעם מענטשלעכן געהערן.

— און וואָס וועסטו פון זיי האָבן?

— איך — נאָר די זכיה.

— אף וואָס?

— אף זיי זען און זיי ליבן.

— גיי איך מיט דיר. און — זאָל זײַן פון שעד.

און דאָ האָט זיך פאר זיי די הייל, פונוואנען דער לעץ אין ארויסגעקומען, געעפנט, פריער דער מענטש און דערנאָך איז דער לעץ אהין ארײַן. האָט זיך באלד די הייל אין די טיפעניש דאָרט פאר די שיידים דאָ אין זאל פאָרגעשטעלט, האָט זיך אין שפּיגל ווײַטער עפּעס אנדערש באוויזן, און די שיידים האָבן דערזעען:

— רײַך און מיט הארכאָווע, מיט אויבער־שטאָק און אונטער־שטאָק איז אף א פלאץ אַ גרויסן א נאכט־פּאלאץ געשטאנען, א שטילער און א נאכטישער, אין אלע פענצטער זײַנע האָט זיך ליכט געלויכטן, און ארום און זײַנען טירן און אופגאנגען געווען. זײַנען דער לעץ מיט מענטש צו איינע פון יענע טירן צוגעגאן, זי אופגעעפנט, אין א קאָרידאָר ארײַן, אין א לאנגן און א גלײַכן, אין א שטילן און א קלינגענדיקן, זײַנען אויך דאָרטן טירן געווען, זײַנען זיי ווײַטער צו איינער צוגעגאן, אין איר אָנגעקלאפּט און ווארטן גענומען. האָט זיך באלד פון א צימער דאָרט און פון יענער זײַט א טיר געעפנט און מ'האָט דערזעען:

שטיל, אף נאכט און פארן שלאָפן גיין איז די יונגע טאָכטער פון שעד אין צימער און אין דער מיט אף דר'ערד און אף די קני געשטאנען, מיט פּאָנעם צו בעט און צו קאָפּ פון בעט געקערעוועט, ווײַל באם צוקאָפּנס פון אויבן דאָרט האָט א נאַכט־און־אווידעזאָרע־לעמפּעלע געברענט, האָט זי אזוי געקניט, די אויגן צום פלעמל און די הענט איבער קאָפּ געהאלטן, און אזוי און קוקנדיק, אין שעדישער טפילע מאריך געווען... ארײַנגעגאנגען און שטיל געשטעלט זיך האָט דער לעץ דער פאָטער אירער איר פון אונטן, באלד און אף די קניִעס און גלײַך הינטער די פּלייצעס איר זיך אראָפּגעלאָזט, איז א שטיקל צײַט אויך ער אזוי פאר דעם



ליכט און לעמפּעלע געשטאנען, דערנאָך זיך אופגעהויבן און שטיל און מיט קאָוועד זײַן טאָכטער פון שטיין און מיספּאלעל זײַן געוועקט:

— טאָכטער, הא, טאָכטער...

— וואָס איז, טאטע?

— כ'האָב דיר דײַן זיווּעג געבראכט.

און אופגעהויבן, צו דער טיר צוגעגאן און בא א זײַט זיך אוועקגעשטעלט האָט פון שעד די טאָכטער, האָט זי אין קאָרידאָר, און ווו דער מענטש האָט זיך געפונען, ארויסגעקוקט, האָט זי אים דערזעען, זײַן שטיין און זײַן ווארטן דאָרטן, האָט זי זיך צום פאָטער געקערעוועט און אים א זאָג געטון:

— זאָל ער ארײַנגיין, טאטע.

און ארײַנגעקומען, און אין צימער שטיין געבליבן איז דער מענטש מיטן לעץ און מיט דער טאָכטער זײַנער איניינעם, האָבן זיי זיך א שטיקל צײַט איינע דאָס אנדערע באטראכט און שטיל געשוויגן, און דערנאָך, און אז דער לעץ האָט זײַן זאך און שוין פאר אָפּגעטון געפונען, האָט ער זיך צו דער טיר ארויסגעקערעוועט און איבעריק, און ווי נישט אף זײַן אָרט, און שטיל, און ווי ס'באַדארף צו זײַן, זײַן וועג זיך ארויסגעגאן. ארויסגעגאן, האָט זיך די טיר דאן אליין און פון איר אָרט זיך רירן גענומען, און פּאמעלעך־פּאמעלעך, שטיל און פארן זיווּעג אינעווייניק זיך פארמאכט און צוגעשלאָסן. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— וואָס איז דאָס? וואָס הייסט עס? — האָבן לייצים, וואָס זײַנען אין זאל געשטאנען, און דאָס אלץ געשעענע און אין שפּיגל צוגעזעענע, — געשריגן.

— וואָס הייסט עס? וואָס האָט ער אונדז באוויזן? און ווער האָט אים דאָס רעכט געגעבן — האָבן לייצים געגוואלדעוועט און איינס צום אנדערן זיך געקערעוועט און געפרעגט בא זיך.

— ער לאכט פון אונדז! — האָט זיך א קאָל פון דער איידע פאר דער איידע דערהערט.

— וויי צו אים: ער לאכט פון אונדז! — האָבן אלע מיטאמאָל און דאָס קאָל יענץ אונטערגעהאלטן, צום מענטש זיך אויסגעדרייט

און מיט הענט און מיט פענט, מיט פּאָנעם און גרימצאָרן צו אים צוגעטראָטן — ווײ צו אים!

— בלײַבט רויק, לייצים, און געדענקט, וואָס מיר האָבן אויסגענומען.

— וואָס אזוינס?

— הערן און שווײַגן.

— מיר קאָנען נישט.

— מוזט איר קאָנען.

— פארוואָס איז?

— איר האָט געשווירן.

— גערעכט, — האָבן זיך לייצים אין דער שווּע דערמאָנט, נאָכגעלאָזט, פון מענטשן אָפּגעקערעוועט און ארונטער זיך גערוקט.

— גערעכט, — האָבן זיי איינער מיטן אנדערן און מיטן מענטשנס רעכט שוין מאסקים געווען, זיך איבערגעקוקט און, בעיין ברײרע, אנשטילט געוואָרן...

— און איצטער, לייצים, צום שפּיגל! — און דער מענטש האָט ווײַטער די הענט צו דער וואנט און צום שפּיגל אויסגעשטרעקט.

האָבן זיך לייצים ווײַטער פארזאמלען און שטילער ווערן גענומען, האָבן זיי זיך אין א ראָד צונויפגענומען, די אויגן, ווּהין דער מענטש האָט זיי אָנגעוויזן, געקערעוועט, און אזוי, און שוין ווי פריִער־געוואָרנע, אָט־וואָס דערזעען:

האָט די גלאָז פון שפּיגל ווידעראמאָל איר מאָרע און איר אויסזען געביטן, איז איבער איר ווידער א גראָער און נישט־קאָליר־איבערגעגאן, א שיטערקײַט און צעשוומענקײַט, האָבן זיך אף איר פלעקן און סטאם־פלעקן באוויזן, געוואָרן און צו נישט געוואָרן, ארויסגעגאנגען און פארגאנגען, געשווּמען און געשווינדלט, און לעסאָף זיך אײַנגעשטעלט און מיט אָט־וואָס ארויסגעקומען:

האָט זיך יענער נאכט-פאלאץ פון אונטער דער הייל באוויזן, מיט ליכט און מיט הארכאָווע דאָרט, מיט אויבער־דירעס און מיט פענצטער און מיט טירן און אויך ווי צום ערשטן מאָל זיך פאָרגעשטעלט: מיט באנאכט און ארום באנאכט, מיט ליכטיק זײַן און פלאץ פאלאצישן, האָט זיך אין א פענצטער זײַנעם דער אלטער לעץ באוויזן — א שײַנענדיקער און מיט א קינד אף די הענט, א צופרידענער און זיך אין נאכעס דערלעבט, האָט ער עס צום פענצטער צוגעטראָגן און עפּעס אף ארויס און אף דרויסן דעם באוויזן...



2nd mirror image

נישט געוואָלט און נישט דאָס פענצטער באגערט האָט דאָס קינד באַם אלטן, האָט עס אים ווי ערגעץ אנדערש־ווּ געצויגן, האָט זיך מיטאמאָל און פאר די שיידים דער פאלאץ אַ דריי געטון, איז ער נישט געבליבן, האָט זיך פאר די אויגן שטיל און נאָר א צימער זײַנער באוויזן, מיט ווענט און מיט כאָלעל, מיט הויז־ראָד און מיט אינעווייניקסט, איז דער אלטער מיטן קינד אף די הענט דאָרט אין דער מיט געשטאנען, דאָס קינד האָט אים צו איינע פון די ווענט געצויגן, און אז דער אלטער איז מיט דעם צוגעגאן, האָט ער מיט א הענטל אין ווענטל געקלאפּט און מיטן צווייטן. דעם אלטן פארן שעד־האָרן געשלעפּט:

— אָט דאָ, זיידע, אָט דאָ זאָלסטו באווײַזן.

און געקווענקלט און אויסדרייען האָט זיך דער אלטער פון אָט דער באקאָשע געוואָלט, האָט ער דעם קאָפּ זײַנעם און זײַן האָרן צוריק געצויגן, דעם גאנצן קערפּער פון קינד און אין דער זײַט געבויגן, דאָס קינד אָבער האָט אים פעסט געהאלטן, זײַן דרייען און זײַן בויגן זיך אײַנגעהאלטן, האָט זיך דער אלטער דעמאָלט צעשמייכלט און אזוי געטון:

האָט ער צו דער וואנט, ווּהין דאָס קינד האָט געצויגן, א טישל צוגערוקט, עס דערויף ארופגעזעצט, גלײַך און אף דער וואנט נאָר דעם קוקן געהייסן, און אליין און הינטער דעם, און הינטער די פּלייצעס דעם געשטעלט זיך... א פּאָר מינוט, און אז דאָס קינד איז אזוי שטיל און זיך־נישט־אויסגעדרייט געבליבן, אזוי האָט דער אלטער דאן, אף דער וואנט און אף א פּינטעלע דאָרט פארקוקנדיק, עפּעס רעדן אָנגעהויבן, רעדן און זאָגן, מיט ריִע און אויגן, ווי ערגעץ ווײַט פארטראָגן, אזוי פארטראכט אָרגעשפּראָכן, געזאָגט און אין דער וועלט ארײַן, ביז ער האָט לעסאָף די האנט צו דער וואנט אופגעהויבן און... פארשווּנדן איז מיטאמאָל די וואנט פאר אים און פארן קינד דעמאָלט געוואָרן, אף איר אָרט האָט זיך א כאָלעל און ליידיקײַט געבילדעט, און

קינד מיט שיידים און שיידים מיט קינד האָבן פּאָנעם על פּאָנעם און איינס דאָס אנדערע אין דער נאָענט זיך געטראָפן:

demon-child terrified of the other demons

— זיידע! — האָט דאָס קינד אויסגעשריִען, זיך צוריק א וואָרף געטון און צום אלטנס שויס צוגעפאלן.

— ווער איז דאָס?

— ניט שרעק זיך, קעצעלע, ס׳איז גאָרנישט.

— און די הערנער זייערע?

— ס׳איז פארשפּראָכענע.

און געלעגן און מוירע געהאט האָט א שטיק צײַט נאָך נאָכדעם דאָס קינד אין שויס פון אלטן, האָט אָבער די גאנצע צײַט דער אלטער עס איבערן קעפּעלע געגלעט און דעם אײַנגערעדט, האָט זיך עס געלאָזט: פּאמעלעך־פּאמעלעך און אלעמאָל מער און מער דעם קאָפּ אופגעהויבן, אופגעהויבן און אראָפּגעלאָזט און לעסאָף — און בארויִקט און אופגעשטאנען איז עס פון שויס פון אלטן, האָט עס פרײַער שוין און פעסטער אין זאל און אף שיידים א קוק געטון, האָט עס דעם אלטן ווײַטער פארן האָרן אָנגענומען, אים צו זיך צוגעבויגן און איניינעם מיט אים אין זאל קוקנדיק און אין שיידים זיך אײַנקוקנדיק בא אים אזוי געפרעגט:

— און ווער זײַנען זיי דאָרט, זיידע?

— ס׳איז שיידים. קעצעלע.

— און וואָס קערסטו זיך אָן מיט זיי?

— גאָרנישט.

— און דײַנע הערנער?

— ס׳איז ביין און שמאטעס און קיין מאכט און קיין מאָשעס.

— און וואָס טוען זיי דאָרט, די שיידים?

— נישס זיי טוען, מ׳טוט מיט זיי.

— ווער?

האָט דער שעד שוין די האנט אויסגעשטרעקט און אף מענטש און איבער שיידים שטייענדיקע שוין אָנווײַזן געוואָלט, האָט אָבער אין דער רעגע דער מענטש דעם לעץ און זײַן האנט־באוועגונג באמערקט, האָט עס אים נישט געלוינט, האָט ער אים א ווונק

wants to reveal their secret but is held back



און אף מע־טאָר־נישט אָנגעוויזן. האָט זיך דער לעץ שוין ווי צוריקגעכאפּט, די האנט שוין נישט ווו מ׳דארף געקערעוועט און מיט שטאמלען און מיט נישט־צו־דער־זאך דעם קינד אף זײַן פראגע אזוי געענטפערט:

— ווער? יענער!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— פּאכאליק, אווײַרע־מעקלער! — האָבן לייצים מיטאמאָל און אין איין קאָל נאָך לאנגן שווײַגן און צוקוקן זיך אופגעכאפּט און אויסגעשריגן.

— איפּעש אלטער! ביינער פוילע! — האָבן זיי זיך פון אָרט א ריס געטון און אויגן מיט בלוט און פויסטן מיט אָדערן אָנגעגאָסן.

— א טויט אף אים! א טויט אפן מאמזער! — האָבן זיך פון ראָד א לאָז געטון און צו שפּיגל, און צו קינד אין שפּיגל, צו.

האָט אָבער טייקעף דער מענטש צו וואַנט און צו שפּיגל דאָרט מיט דער האנט א מאך געטון, איז דער לעץ מיט קינד באלד פון אויג זיי פארשוווּנדן, און אז די לייצים זײַנען צו — מיט הענט און מיט פּענט, מיט קאס און מיט אויגן אָנגעלאָפּענע — איז שוין פאר זיי א הוילער און געוויינלעכער שפּיגל־גלאָז געשטאנען און אליין נאָר זיי און די קאעסדיקע פּנימער זייערע אָפּגעשפּיגלט...

— ווו זײַנען זיי? ווו זײַנען זיי אהינגעקומען? — האָבן זיך לייצים באלד אף צוריק און צו טיש א וואָרף געטון, צו מענטש און צום אויבן־שטייענדיקן צו, און בא אים געמאָנט.

— שטילער, שיידים! — האָט דער מענטש זיי פון אויבן און דעם גאנצן אָנגעלויף זייערן באפוילן — שטילער!

— מיר האָבן פריִער געוווסט, מיר האָבן זיך פריִער געריכט, ווער האָט אים געבראכט אהער, און ווער האָט אים די זאך געטרויט? — האָבן זיי זיך איצט אין זייער שוויע און שוואכקײַט און אין דעם מענטש און זײַן אויבערהאנט דערמאָנט.

— ווער האָט אים געבראכט אהער? זאָל ער זיך צום מישפּעט שטעלן, זאָל ער דין־וועכעשבן אָפּגעבן!

— איך! — האָט זיך דער לעץ, וואָס האָט זיך דער ערשטער מיטן מענטש געבּיטן און אים פאר די שיידים פאָרגעשטעלט, זיך איצט ארויסגעשטעלט און אפן טיש זיך בּאוויזן, — בּארויִקט אײַך, שיידים: ס'איז ניט שיין, ס'איז פארן מענטש ניט שיין, ער וועט לאכן און זאָגן: בּאַ שיידים איז קיין אכדעס נישט, אין שיידימס וואנט האָט זיך א בּראָך בּאוויזן און איינציקוויַיז־איינציקוויַיז זייערע מאכנעס פארלאָזן. הערט מיך דערום אויס: אָט האָט אונדז דער מענטש איינעם און פון אונדזערע בּאוויזן, אן אלטן און אן איפּעשדיקן, א מיִעסן און א אויוועורבּאָטלדיקן, האָט ער אין אונדז געפּעלשט, האָט ער אונדז פארלאָזט, האָט ער אין אונדזערע זין פארמיִעסט און זײַן טאָכטער פאר א מענטשן אויסגעגעבּן. איז ער מיִעס און עקלדיק, איז ער אומריין און ווי אן אומריינער זיך בּאגאן, און וויסט איז זײַן מאזל — געוויס! דארפן מיר דאָך אָבּער זען, דארפן מיר אָבּער די זאך בּאקלערן און פארשטיין. לייג איך דערום פאָר: זאָלן מיר זיך, ווי פריִער און ווי בּיזאהער, זיך האלטן, דער מענטש זאָל אונדז דאָס ווײַטערדיקע און דאָס געשעענע בּאווײַזן, וואָס עס קאָן און וואָס עס ווארפט ארויס א לעץ, וועלן מיר זיך בּאטראכטן, וועלן מיר זיך אן אייצע האלטן, זיך מעיאשעוו זײַן און צו עפּעס קומען.

און אויסגעהערט און אײַנגעשטימט האָבּן אף די רייד פון לעץ די שיידים אלע, האָבּן זיי א ווײַלע געטראכט, האָבּן זיי איינס אף דעם אנדערן געקוקט, שטיל און מיט האסקאָמע צווישן זיך זיך איבּערגעקוקט, האָט עס דער לעץ דערזעען, דאָס גרייטקײַט און דאָס אײַנשטימען זייערס, האָט ער בּאלד און בּאַ זיי שוין נישט פרעגנדיק, צו דעם מענטשן מיט א האנט א מאך געטון, אים א ווונק געגעבּן און אף שפּיגל אָנגעוויזן: „ווײַטער, מענטש...”

און צונויפגעזאמלט האָבּן זיך די שיידים נאָך דער אופרודערונג אין געזעמל זייערן פריִערדיקן, זײַנען זיי זיך ווײַט צום פאר טיש און פאר שפּיגל צונויפגעאנגען, און שטיל און אנשוויגן געוואָרענע, אין ראָד און אף וואָס ס'וועט געשעען אין ראָד, ארײַנגעגאנגען.

און דער מענטש האָט זיי בּאוויזן:

3rd mirror image



און צום דריטן מאָל האָט זיך דאן דער שפּיגל בּײַטן גענרען, אנדערש ווערן און גראָ ווערן, זיך ווײַזן און צונישט ווערן, בּאנאכט און מיט שטערן, בּאַ זון און מיט פלעקן, זיך אופדעקן און פארדעקן — גענישט און געוואסערט, געמינעט און מעטושטעש געווען, אזוי לאנג און אזוי בּרייט, בּיז ס'האָט זיך א בּילד בּאוויזן:

ס'איז א פארטאָג און אין יענעם פּאלאץ געווען. האָט זיך דער מענטש מיט זײַן שיידים־ווײַבּ אין זייער שלאָפצימער בּאוויזן, האָט אף דער סטעלי נאָך א נאכט־לעמפּעלע געבּרענט, טונקל און צוגעשלאָגן, האלבּלעך און פארטאָגלעך, דורך לאָדן און שפּארונעס האָט שוין דער בּלאסער און דרויסנדיקער טאָג ארײַנגעקוקט; זײַנען זיי נאָר־וואָס פון שלאָף אופגעשטאנען, בּאלד שוין ארויסגיין און דאָס כיידער פארלאָזן געדארפט, האָבּן זיי נאָך אָבּער דערווײַל געזאמט, נישט געטון און דאָך פארנומען געווען, און אזוי און נישט טוענדיק, ווי דאָס אין־נאכט־זײַן און אינייִנעם זײַן נישט פארענדיקט.

Intimate scene between man & she-demon

און צוגעגאן איז דער מענטש צו דער יונגפרוי דעמאָלט זײַנער, פאר איר און אקעגן זיך געשטעלט, זײַנע הענט אף אירע אקסלען ארופגעלייגט, א ווײַלע און צוויי איר אין די אויגן געקוקט, מיט ליבּע און פארטאָגיקער, שטיל און נאָך נאכט שטילער און די יונגפרוי האָט אף אים צוריק געקוקט, זיך געשעמט און ווי דאנקבּאר געווען, געזעטיקט און אקעגן אים געשטאנען, ווי געלאָזט און דערלויבּט, געדינט און אף ווײַטער גרייט געווען, און אזוי און קוקנדיק, שטיל און אף ווײַטערדיקן ארויסקוקנדיק, אירע אקסלען אין זײַנע הענט געלאָזן. האָט דער מענטש איר קאָפּ אין זײַנע הענט גענומען, שטיל איר קערפּער צו זײַנעם צוגעטוליעט, און זי איז נאָכגעגאן און געליבּט געווען, ארומגענומען און איבּערגעפולט מיט גליק, און שטיל און גליקלעך אף אים און אף וואָס געשען־זאָל געווארט.

— וואָס אזוינס, ליבּער?

— זאָלסט פארטאָגיקע ליבּע פארדינען.

— נו?

— פרעג איך בּאַ דיר, — און גענומען און אָפּגעפירט האָט דער מענטש די יונגפרוי צום בּעט צום נאכטישן, שטיל און

שווײַגנדיק איר אַן אָרט אפן ראַנד אָנגעוויזן, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט, ער נעבן איר, האָט ער איר האַנט אין זײַנער גענומען און איר אַזוי געזאָגט:

— פרעג איך בא דיר, דו דאַרפסט וויסן: ווי באַפרײַט זיך אַ מענטש פון לעץ און לייצים און פאַרפירן זייערן?

— מיט ליבע און דײַן שטייגער, ליבער מײַנער, — האָט זי אים געענטפערט.

— וואָס הייסט עס?

— זאָלן מענטשן צו די טעכטער פון די שיידים קומען און זיי ליבע געבן, — זיי ליבן זיי, זיי גאַרן זיי, זיי גייען אויס נאָך זיי און נאָך דער ליבע זייערער.

— וואָס־זשע וועט זײַן?

— וועלן, סאָפּקאָלסאָף, די שיידים און אף דער וועלט זיך ווײַזן, אפן טאָג און אפן ליכטיקן, וועלן זיי צו פאַר מענטשן קומען, מיט האַק און מיט פּאַק און מיט ווײַבער און מיט קינדער, מיט רומל און מיט איידע און וואָס ס'פאַרמאָגט נאָר אַן איידע — וועלן זיי פאַר די פיס פאַלן און זיי אַזוי זאָגן: מיר האָבן געזען, מיר קאָנען קיין טקומע נישט האָבן, קיין קויעך און קיין מעגלעכקײַט, זײַנען מיר אַרוף, זײַנען מיר צו אײַך געקומען, גיבן מיר זיך אײַך אונטער און טוט מיט אונדז, וואָס איר ווילט: — פאַר האָלץ־העקערס און פאַר וואַסער־שעפּערס, אף אַלעס צו דינען און געהאָרכזאַם הערן.

— און ווער האָט דיר געזאָגט דערפון?

— דער טאַטע.

— דאָס איז לעסאָף אף ווײַטער און אף שפּעטער... און אצינד, און נאָך איידער יענע צײַט איז געקומען, און אַז אַ מענטש איז אין לייצימס האַנט אַרײַנגעקומען, מיט וואָס באַפרײַט מען אים?

— מיר ווייסן.

— בעט איך בא דיר: זאָל אצינד אַ וואַנט און אף שיידים־וועלט געעפנט ווערן, אין פאַרטאָג און אין אונטערגרוב, זאָלסטו מיר זיי און זייערע ערטער ווײַזן און פון נאַכט און פאַרפירונג דעם ערשטן און דעם בעסטן און אַ מענטשן מיר באַפרײַען.

— געפּויעלט.



reveals the secret of vanquishing the demons w/love

און אופגעהויבן און פון בעט אופגעשטאַנען איז די יונגפרוי פון מיט־איר־מאַן און אינײַנעם־זיצן, איז זי אָפּגעגאַן, ווי גענײט און געוויינט צו איינער אַ וואַנט דאָן צוגעגאַן, זיך איר אַקעגן געשטעלט, מיט פּאָנעם צו וואַנט און מיט רוקן צו מענטשן געשטאַנען, אַ ווײַלע זיך געזאַמט, געשטאַנען און געשפּראָכן, האָט זיך באַלד די וואַנט דאָן געעפנט און מענטש מיט יונגפרוי, און לייצים און אין זאַל זייערער האָבן זיך מיט די אויגן באַגעגנט.

destroys the barrier

און געזען האָט דער מענטש דאָ אין צימער מיט דער יונגפרוי זײַענדיק, ווי אין זאַל און איבער לייצים איז דער מענטש דער פאַרפירטער אף זײַן נאַכט־און קישעף־טיש געשטאַנען, אויסגעמאַטערט און מיד, געל און אויסגעמוטשעט, פּעל און הערנער האָבן זיך אים פון קאָפּ און קערפּער אף די זײַטן גערוקט, שוין נישט גוט געלעגן און זיך נישט געהאַלטן, און פון נאַכט און פאָרשטעלונג, פון שפּיל און מאַרשאַלעק אף טאָג און אף אָפּרו זיך געבעטן.

performer showing signs of fatigue

און געזען און פאַרשטאַנען האָט די לאַגע פון מענטשן דער מאַן פון יונגפרוי, האָט ער שטיל און נישט באַמערקט פאַר לייצים צום מענטש דאָרט אַ ווונק געטון: זאָל ער אויסוואַרטן, זאָל ער זיך רויִק האַלטן, ער ווייסט פון אים, ער טוט פאַר אים, ער ועט ווו ער געפינט זיך...

און ווײַטער איז דער מענטש דאָן צו זײַן יונגפרוי צוגעגאַן, ווײַטער אף איר אַקסל זײַן האַנט אַרופגעלייגט, האָט זי אף אים געקוקט, מיט ליבע און אף דיגען גרייט, איבערגעגעבן און אף אַלעם, האָט איר דער מענטש אין די אויגן אַ שמייכל געטון, און שטיל און מיט אַ טײַט־פינגער אפן מענטש און אפן פאַרפירטן דאָרט אָנגעוויזן:

— אָט דעם.

— האָסט צו מיר אין דער רעכטער שאָ געטראָפן.

— וואָס אַזוינס, ליבע מײַנע?

— מיר ווייסן: ס'איז אונדזער זאַך און מ'טוט, וואָס מ'דאַרף.

און אָפּגעלאָפן, מיט שמייכל און צופרידן איז באַלד פון צימער אַרויס די יונגפרוי דאָן אין ליבע, שפּילנדיק און צוזאָגנדיק

פון דער שוועל צו איר מאַן און מענטשן זיך אויסגעדרייט, ווי די מינוט און אים אַליין־לאָזן געזשאַלעוועט, די צײַט און זײַן אַליין בלײַבן געקאַרגט, און פאַרשפּרעכנדיק און אַף געוויס, ליבנדיק און ער־מעג־זיכער־זײַן, וועט זי שוין זײַן באַקאָשע דערפילן, וועט זי זיך באַלד אומקערן און אַלעס, וואָס מ'דאַרף, שוין ברענגען.

און געשוויגן און אַר־סגעוואַרט האָבן דער מענטש אין צימער דאָ און די שיידים אין זאַל דאָרט די פרוי פון פּאַלאַץ, אַ מינוטן און צוויי, אַ מינוט און נאָך איינע, האָט זיך באַלד צוריק די טיר געעפנט, שטיל און פון יענער זײַט האָט די פרוי זיך אין דער שטיל באַוויזן, די שוועל אַריבערגעטראָטן און אין צימער אַרײַנגעגאַנגען.

און דערזעען האָבן לייצים אין זאַל און אין דער שטיל דאָרט שטייענדיק די פרוי און באַם אַרײַנגיין, ווי שטיל און פאַרדעקט האָט זי עפּעס אַף די הענט און אײַנגעדעקט געטראָגן, אופגעלייגט און צופרידן מיט פאַרשטעלטן און געטראָגענעם צום מאַן און צו איר געליבטן צוגעגאַן, זיך מיט דעם אים אַקעגן געשטעלט און אים עס אונטערגעטראָגן:

— אָט־וואָס!

זײַנען לייצים אין זאַל און אינײנעם שטייענדיק עפּעס אומרויִק און מעוואָלוול געוואָרן, האָבן זיי זיך איינס צום אַנדערן געקערעוועט, אײַלנדיק און גיך, און זיך ווי אַן אייצע געהאַלטן, מיט אויגן און צעמישט שוין די זאַך דאָרט דערפילט, זיך אַרבערגעקוקט און געפרעגט זיך: וואָס וועט דאָ זײַן? וואָס וועט דאָ געשען?...

— — — — — — — — — — — — — —

— זוינע! — האָט איינער פאַר אַלע אַ לעץ און מיט אַ קאָל זיך אַרויסגעכאַפּט און אויסגעשריגן.

— פלייש און זנוס! — האָבן אַלע דאָס קאָל אונטערגעכאַפּט און מיט הענט און מיט פּענט פון אָרט זיך אַ ריס געטון און צו דער פרוי צוגעשריגן:

— זוינע! טראָג עס אַוועק פונדאַנען, נעם עס פון אונדזערע אויגן צו! ס'איז דײַן טויט דיר דאָ!

brings out something that will destroy them



— כ'וויל נישט! — האָט די יונגפרוי די לייצים אַף צעלאָכעס און אין־פּאָנעם־קוקנדיק אויסגעשריגן, צו איר מאַן זיך געשטעלט און דעם צודעק פון דער זאַך אַראָפּגעכאַפּט.

— קו־קו־רע־קו! — האָט דער האָן דאַן מיטאַמאָל און איבערגעשראָקן אַף די הענט באַ פרוי די פליגל צעשפּרייט און אויסגעקרייט — קו־קו־רע־קו!

Rooster

— האַלט אים, כאַפּט אים! — האָבן זיך לייצים מיטאַמאָל צו זייער מענטש און צו טיש זיך אויסגעדרייט און הענט אַף הענט און פויסטן איבער פויסטן צו אים געוואָרפן און זיך לויפן געלאָזט, — האַלט אים! אַ טויט אַף אים!

האָט זיך אָבער אין דער רעגע אין שפּיגל און אין גלאָז פון שפּיגל אַ לאָך און ווי אַ מענטש די גרייס געעפנט, האָט זיך דער מאַן דאָרט, וואָס פון דער יונגפרוי, באַוויזן, האָט ער צום מענטשן אַ מאַך געטון און אים אַ צייכן געגעבן: גיכער!

און אַראָפּגעשפּרונגען און אין דער איידע אַרײַן איז מיטאַמאָל דער מענטש דאַן, דער פאַרפירטער, אין אימפּעט און אין געדרענגעניש איבער לייצים און איבער קעפּ זיי אַריבער, צום שפּיגל און צו דער לאָך־געוואָרענער צו, האָט זיך אַ האַנט פון יענער זײַט און פון דעם ליידיק־געוואָרענעם באַוויזן, האָט זי אים אָנגעכאַפּט און אײַנגאַנצן און מיט קערפּער באַלד און אַף יענער זײַט אַריבערגעצויגן.

The man-in-the mirror rescues the waylaid man & pulls him turn the mirror

— האַלט אים! כאַפּט אים! — האָבן זיך לייצים נאָך אים און שוין נאָך זײַן פאַרשווונדן־ווערן געיאָגט און איינס אַפן אַנדערן און איינס איבערן אַנדערן אין שפּיגל זיך געריסן, — אַ טויט אַף אים, אַ מעהומע. ער וועט אונדזער שאַנד דערציילן...

— כ'וועל געוויס דערציילן!.. האָט זיי דער מענטש און שוין פון יענער זײַט, אויסגעלייזט און ווײַט שוין זײַענדיק, געשריגן, — כ'וועל געוויס דערציילן, כ'וועל אײַער שאַנד אופדעקן, און...— נישט געהערט האָבן שוין מער די שיידים דעם מענטשן און דאָס קאָל זײַנס פונווײַטן, זײַנען זיי גאָר אָפּגעשמיסענע און ווי צום נאַר־געבליבענע באַם שפּיגל און באַ דער לאָך־געוואָרענער געבליבן, און מיט הענט און שוין אָפּגעלאָזענע.

און מיט קאס, וואָס שוין אָנמעכטיק, ווי פאר זיך אליין און פארן אָנגעלויף זייערן זיך געשעמט און אין אָפּהענטיקייט גע־שטאנען.

— און דער מענטש?

— דער מענטש האָט דערציילט און וואָרט געהאלטן.

און אזוי האָט דער שעד דאן זײַן מײַסע געענדיקט.

---



דעם עלנט און טראגיש אומגעקומענעם
כאוועך מײַנעם,
מיכל שפאל —
— א זייכער.

# א פאָרשפּיל

סצענע שטעלט פאָר: פינצטערלעכע קוליסן; געמיין געפּארבטע לײַוונטן אף הילצערנע ראמען אָנגעצויגן; אייניקע שטייען, אייניקע ליגן, וואלגערן זיך; פּוסטע און פארלאָזענע דורכגאנגען און דורכ־גענגלעך, שמאָלע קאָרידאָרן מיט טירן פון אקטיאָר־צימערלעך; פינצטערע סטעליע מיט שטריק און לייטערס, אראָפּהענגענדיקע און אויך אף ארוף פארבונדענע. בא דער לינקער זײַט פון סצענע א ווענטל אופגעשטעלט. פון א שטוב מיט אן אויבערשטיבל פירט א גאניקל ארויס. דאָס גאניקל איז ליידיק, קיינער ניטאָ אף דעם, נאָר א שוואַכע ליכט קומט פון אויבערשטיבל ארויס און מאכט עס ליכטיקלעך. פון דער רעכטער זײַט, פון א דורכגאנגל, באווײַזט זיך דער אקטיאָר: אין א שווארצן ענגמאנטל אָנגעטון. האלט זיך אין אים, ווי ער וואָלט פון אונטן נישט רעכט אָנגעטון געווען, און די פיס זײַנע זײַנען אין לאנגע שווארצע זאָקן אָנגעצויגן און מיט לײַכטע שטעקשיך נאָר, זעט אויס, ווי פון שלאָף געקומען, ער קומט אף דער מיט סצענע ארוף, בלײַבט שטיין און מיט זײַן בליק צו גאניקל געווענדט.

**דער אקטיאָר:** שפּילן... און ווען קײַן אוילעם איז ניטאָ, איז פאר זיך אליין, און פאר זיך אליין איז אומעטיק זייער, דארף מען פון זיך צוויי מאכן: זאָל איינער שפּילן, דער אנ־דערער קוקט.

(ער נעמט גלײַך און טוט זיך מיט זײַן האנט פון זיין מיט אויבן ביז די פיס אונטן א פיר, ווי אף העלפט צעטיילט זיך, און באלד איז ער שוין צעטיילט טאקע: איין העלפט אין מאנטל אָנגעטון,